# הרב יוסף בער סאָלאָווייטשיק נפטר געוואָרן



הרב יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, אַ וועלט־באַרימטער למדן, ראש־ישיבה און פילאָסאָף האָט געשטאַלטיקט דעם מאָדערן־אָרטאָדאָקסישן טייל פון אידישקייט אין אַמעריקע דורך זיינע שריפטן און לעקציעס. פאַרגאַנגענע וואָך איז ער נפטר געוואָרן אין זיין היים אין ברוקליין, מאַסאַטשוסעטס. ער איז אַלט געווען 90 יאָר.

אָרטאָדאָקסישע רבנים פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָפט גע־וואָנדן צו אים מיט שאלות ווי אַזוי צוצופּאַסן די אידישע דינים צו דער מאָדערנער וועלט.

הגם ער האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיטן ענין פון צופּאַסן רעליגיעזע אידישקייט צו דער היינטיקער מאָ־דערנער וועלט, איז ער אָבער געווען אַ קעגנער פון אַ קריסטלעך־אידישן דיאַלאָג אויף אַ טעאָלאָגישן ניוואָ. ער האָט געהאַלטן, אַז דיספּוטן פון דעם סאָרט דאַרפן בלויז זיין באַגרענעצט צו די פראַגן פון סאָציאַלער פּאָליטיק. אַ שטייגער: די פּראָבלעמען פון ראַסן־באַציאונגען און וויאַזוי צו העלפן די אָרעמע.

במשך פון לאַנגע יאָרן איז הרב סאָלאָווייטשיק אַרויסגעטראָטן יעדן יאָר מיט אַ רעדע אויפן יערלעכן צונויפקום פון ועד הרבנים פון אַמע־ריקע; די גרעסטע אָרטאָדאָקסיש־רבנישע אָרגאַניזאַציע. הרב סאָלאָוויי־טשיק האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ באַרימטער רבנישער פאַמיליע. ער איז געבוירן געוואָרן אין פּרוזשאַן, פּוילן, אין 1903. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלעבט אין דער סאָוויע־טישער ווייסרוסלאַנד, וואו זיין פאָטער, ר' משה, איז געווען רב. ביז זיינע פריע צוואַנציקער יאָרן האָט ר' יוסף־דוב זיך בעיקר אָפּגעגעבן מיטן שטודירן דעם תלמוד. ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר איז ער אַריינ־געטראָטן ווי אַ סטודענט אין בער־לינער אוניווערסיטעט וואו ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע. אין 1931 האָט ער באַקומען זיין דאָקטאָראַט אויפן געביט פון מעטאַפיזיקס. אין זעלבן יאָר האָט ער חתונה־געהאַט מיט טאָניאַ לעוויט, וועלכע איז גע־שטאָרבן אין יאָר 1967.

אין 1932 האָבן ביידע עמיגרירט קיין אַמעריקע וואו ער איז געוואָרן דער אָרטאָדאָקסישער רב אין באָסטאָן. דאָרט האָט ער געגרינדעט די רמב"ם־ישיבה, וואָס איז געווען די ערשטע אידישע טאָג־שולע אין ניי־ענגלאַנד. אין 1941 איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסאָר אין ישיבה אוניווערסיטעט פון תלמוד און אידישער פילאָזאָפיע. דער נפטר לאָזט איבער צוויי זין און אַ טאָכטער, צוויי שוועסטער, אַ ברודער (הרב אהרן סאָלאָווייטשיק), עטלעכע אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

April 16, 1993 — "פארווערטס"